Publié par
l'Association pour
l'Etude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער
# טעם-טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש-לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש-למוד און פֿון דער
מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 2, נומער 3 (7)

כסלו תּשנ״ז / דעצעמבער 1996

## „ניק דײַן מאַמע"



ס'האָט שטאַרק דערשיטערט[1] די פֿראַנצייזישע עפֿנטלעכקייט[2] די בשׂורה[3] אַז צוויי כּלי-זמרים[4] פֿון דער ראַפּ-קאַפּעליע נ.ט.מ. („ניק טאַ מער וואָס באַטײַט „האַק דײַן מאַמע" ) זענען פֿאַרמישפּט[5] געוואָרן אויף דרײַ חדשים תּפֿיסה[6] מחמת[7] זיי האָבן עפֿנטלעך געשאָלטן די פּאָליציי בעת אַ קאָנצערט. אויף דער טעלעוויזיע און אין דער פּרעסע האָט מען פּאָלעמיזירט וועגן די וויכטיקע פֿראַגעס פֿון גערדאַנק-פֿרײַהייט און דרך-ארץ[8] פֿאַר די אינסטיטוציעס פֿון דער רעפּובליק. צווישן אַלע מיינונגען וואָס מע האָט אויסגעדריקט זענען די צוויי ווײַטערדיקע געווען באַזונדערס אינטערעסאַנט.

אין די טעג ווען דער פּסק-דין[9] איז אַרויסגעגעבן געוואָרן האָט מען געדאַרפֿט אַריבערפֿירן דאָס אַש פֿון אַנדרע מאַלראָ אין פּאַנטעאָן. דאָס פֿראַנצייזישע פֿאָלק האָט אַזוי געוואָלט אָפּגעבן כּבֿוד אַנדרע מאַלראָן נישט נאָר ווײַל ער איז געווען אַ גרויסער שרײַבער, נאָר אויך ווײַל ער איז געווען דער ערשטער און גלענצנדיקסטער[10] קולטור-מיניסטער פֿון פֿראַנקרײַך און אויך מחמת זײַן העלדישער אויפֿפֿירונג אין דעם ווידערשטאַנד קעגן דעם נאַציזם. אין דער טאָגצײַטונג „לע מאָנד" האָט בערטראַן פּאָאַראָ-דעלפּעש, אַ באַרימטער זשורנאַליסט און אויך אַ מיטגליד פֿון דער פֿראַנצייזישער אַקאַדעמיע, דערמאָנט די שטעלונג[11] פֿונעם קולטור-מיניסטער אַנדרע מאַלראָ, ווען מע האָט געוואָלט פֿאַרווערן[12] שפּילן אַ פּיעסע פֿון סובווערסיוון שרײַבער זשאַן זשענע. אַנדרע מאַלראָ האָט דעמאָלט געטענהט אַז ער וויל פֿאַרטיידיקן[13] די פּיעסע נישט ווײַל ער האָט זי ליב נאָר צוליב דעם הייליקן פּרינציפּ פֿון גערדאַנק-פֿרײַהייט, וואָס דאַרף זײַן דער יסוד[14] פֿון אַ דעמאָקראַטיע.

אין אַ בריוו צום וואָכנבלאַט „אינראָקופּטיבל" האָט זשעראָם לינדאָן, דער ייִדישער אָנפֿירער פֿון אַ באַרימטן פֿאַרלאַג, אויך געזאָגט זײַן דעה[15] וועגן דעם ענין. ער דערקלערט אַז מע קען נישט קעמפֿן פֿאַר דער גערדאַנק-פֿרײַהייט און פֿאַרטיידיקן נ.ט.מ. מיט דער רעכטער האַנט, און מיט דער לינקער האַנט פֿאָדערן אַז סע זאָל זײַן אַ געזעץ קעגן די רעוויזיאָניסטישע היסטאָריקער וואָס ווילן באַווײַזן אַז מע האָט קיין מאָל נישט אויסגעשאָכטן[16] קיין ייִדן אין אוישוויץ.

די פֿראַגע בלײַבט אָפֿן.

1. choqué ; 2. opinion publique ; 3. PSURE nouvelle ; 4. KLEZMORIM *sing.* כּלי-זמר KLEZMER musicien ; 5. FARMISHPET condamné ; 6. TFISE prison ; 7. MAKhMES du fait que ; 8. DER(E)KHERETS respect ; 9. PSAK DIN sentence ; 10. le plus brillant ; 11. position ; 12. interdire ; 13. défendre ; 14. YESO'D fondement ; 15. DEYE opinion ; 16. אויסשעכטן exterminer

## בײַ געדעקטע טישן

**אַן איבערבליק אויף אַ ריי אַקטיוויטעטן אין פּאַריז ווו מע רעדט ייִדיש. וויצלערס זאָגן אַז זיך פֿאַרזאַמלען „בײַ געדעקטע טישן" בעת אַ געזעלשאַפֿטלעכער טרעפֿונג איז אין אונדזערע צײַטן אַ זעלטענע אָקאַזיע צו דערמאָנען זיך דעם באַרימטן „שולחן-ערוך"[1].**



אַלע ווייסן אַז אין פּאַריז קען מען זיך לערנען ייִדיש אויף עטלעכע קורסן. אָבער נישט יעדער ווייס אַז דעם טעם פֿון ייִדישקייט קען מען אויך דערפֿילן אויף אַן אַנדער אופֿן - אַ דאַנק מענטשן און אָרגאַניזאַציעס וואָס ס'איז כּדאַי מע זאָל זיי דערמאָנען.

עס קומען דהיינו[2] פֿאָר כּמעט אַלע טאָג פֿון אַ גאַנץ יאָר, ס'רובֿ נאָך מיטאָג, קולטור-אַקטיוויטעטן אין ייִדיש, אײַנגעאָרדנט דורך פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטן.

דעם אויבנאָן[3] צווישן זיי פֿאַרנעמען די לאַנדסמאַנשאַפֿטן, יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אין זיי טרעפֿן זיך די אָפּשטאַמיקע[4] פֿון איין אָרט צי פֿון איין געגנט. אָט די לאַנדס-מאַנשאַפֿטן, צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדישע געזעלשאַפֿטן, האָבן זיך פֿאַראייניקט אין צוויי גרעסערע איינסן : דער פֿאַרבאַנד (נאָענט צו די קאָמוניסטן) און די פֿעדעראַציע (מער ציוניסטיש געשטימט).

אַ מאָל מאַכט זיך אַז אַן אַנדער גרופּע אָרדנט אײַן פֿאַר זיך אַן אייגענע אַקטיוויטעט. אַזוי טוען למשל דער פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדישע קאָמבאַטאַנטן אָדער דער פֿאָלקסקלוב פֿונעם 20סטן אַראָנדיסמענט.

די וויכטיקסטע פֿון די געזעלשאַפֿטן זענען די פֿרײַנד פֿון מפּ"ם[5], די געוועזענע ייִדישע קאָמבאַטאַנטן, די אַרבעטער-היים און אחרון אחרון חבֿיבֿ[6], דער אַרבעטער-רינג (מיט אַ בונדיסטישער אָריענטאַציע), וואָס וווינט אונטער איין דאַך מיט דער מעדעם-ביבליאָטעק אויפֿן נאָמען פֿון דעם בונדיסטישן טעאָרעטיקער וולאַדימיר מעדעם און נעמט אויך אויף די געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש-לימוד (געפֿי"ל).

די דערמאָנטע פֿאַראיינען אָרגאַניזירן רעגלמעסיקע[7] עפֿנטלעכע[8] אימפּרעזעס[9]. דאָס רובֿ פֿון די דאָזיקע טרעפֿונגען קומען פֿאָר לויט אַן ענלעכן נוסח[10], דאָס הייסט, מע הייבט אָן מיט אַ רעפֿעראַט אויף אַן ערנצטער געזעלשאַפֿטלעכער אָדער קולטורעלער טעמע, אָפֿט באַגלייט פֿון אַ קינסטלערישן פּראָגראַם, און מען ענדיקט אין אַ היימישער שטימונג שמועסנדיק אַרום אַ גלאָז טיי. זיכער, די מערהײַט פֿון די באַטייליקטע באַשטייט פֿון עלטערע מענטשן, אָבער זיי זענען גאָר נישט אומצופֿרידן אויב עס באַווײַזט זיך אַ יונגער גאַסט, וואָס וויל הערן און אפֿשר אַרויסזאָגן אַ ייִדיש וואָרט.

אויב איר ווילט ווײַטערדיקע פּרטים[11], ווי די אַדרעסן פֿון די אַלע אָרגאַניזאַציעס און די דאַטעס פֿון זייערע טרעפֿונגען, קוקט אַרײַן אין דעם נײַעם ייִדישן זשורנאַל „ייִדישע העפֿטן" (אַ צוגאָב צו די העפֿטן פֿונעם קרײַז בערנאַר לאַזאַר).

1. SHULKhN OREKh, (Joseph Caro, 1488-1575)אַ זאַמלונג פֿון ייִדישע דינים צונויפֿגעשטעלט פֿון יוסף קארו אין 1565. וואָרט בײַ וואָרט מיינט עס „אַ געדעקטער טיש" ; 2. DEHAYNE c'est-à-dire ; 3. la première place; 4. originaires ; 5. MAPAM parti politique israélien de gauche ; 6.AKhREN AKhREN KhOVEV enfin et surtout ; 7. régulier ; 8. public; 9. activités, manifestations ; 10.NUSEKh style ; 11. PROTIM *sing.* פּרט PRAT détail.

# קערפּער-רעטעניש

**קלײַבט אויס די פּאַסנדיקע ווערטער פֿון די וואָס געפֿינען זיך אונטן און שרײַבט זיי אַרײַן אין די בלויזן .**

1. ער גיט געלט מיט אַ ברייטער ..... .
2. וועגן פּריוואַטע זאַכן רעדט מען אונטער פֿיר ............. .
3. ווען אַ פּאָליטיקער רעדט, דרייט ער מיט דער.............. .
4. זײַ פּאָרזיכטיק - דײַן קאָלעגע שאַרפֿט זיך שוין די ............ אויף דײַן פּאָסטן.
5. ער האָט אַ שוואַכן כאַראַקטער און לאָזט זיך פֿירן פֿאַר דער........... .
6. דאָס איז נישט קיין אמת, ס'איז אין גאַנצן אויסגעזויגן פֿון ....................... .
7. ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן אַז ער האָט גענומען די ........... אויף די ............... און איז אַנטלאָפֿן.
8. הלל האָט געוויזן אַז מע קען זאָגן די גאַנצע תּורה אויף איין .......... .
9. עס זיך נישט אָפּ דאָס ............., ס'וועט ווערן בעסער.
10. ער האָט זיך גענומען צו דער שווערער אַרבעט מיט ........ און ........... .

# דער גוף, דער קערפּער, דאָס לײַב






***איין נייטיק וואָרט וואָס מע זעט נישט : דאָס לעבן**

# צוויי לידער פֿון מרים אולינאָווער

## איבער נאַכט

וואָס האָט זיך דאָס מיט מײַנע האָר
געמאַכט ?
געשען אַ ווונדער פּלוצעם איבער
נאַכט :

געווען אַ קנויל[1] אַ בלאָנדער, שווער
און האַרט, -
און הײַנט מיט איינמאָל גלאַנציק,
גלאַט און צאַרט !

געווען אַ פּלאָנטער[2], קורץ, געדיכט[3]
און ווילד, -
און הײַנט צעפֿלאָסן[4] ביז צום קנעכל[5] מילד,

און הײַנט ווי גאָלד צעשמאָלצן און צעגליט -
די האָר, וואָס האָבן אויף דײַן האַרץ גערוט.

1. tignasse; 2. cheveux enmêlés; 3. épais ; 4. coulant ; 5. cheville



אַ צייכענונג פֿון אַ פּוילישער אַנטאָלאָגיע
פֿון דער יִדישער פּאָעזיע (וואַרשע, 1921)

## דעם זיידעס שבֿועה[1]

אַרום דעם צענטן תּמוז[2],
דעם טאָג ווען ר׳האָט[3] געיערט זיך[4],
האָט זיך דעם זיידעס וויטאָג
פֿאַרגרעסערט און פֿאַרמערט זיך.

דער רופֿא[5] איז געקומען,
פֿאַרצויגן[6] שטרענג די ברעמען, -
מע זאָל נאָר זען וואָס גיכער
דעם פֿוס אַראָפּצונעמען[7]!

דאָך ער - ער שווערט אַ שבֿועה
בײַם טאָג, וואָס ר׳האָט געיערט זיך :
קיין איינס פֿון אַלע גלידער[8],
צוויי הונדערט אַכט און פֿערציק,

וואָס גאָט האָט אים באַשאַפֿן,
וועט ער נישט לאָזן מינערן[9] -
און בעסער וויל ער שטאַרבן,
איי[10] ס׳ילעבן זיך פֿאַראומערן[11] !

***

דער זיידע איז געשטאָרבן,
שוין ס׳ילעצטע מאָל געיערט זיך
מיט אַלע זײַנע גלידער -
צוויי הונדערט אַכט און פֿערציק...

1. SHVUE serment ; 2. TAMEZ Tamouz le mois du calendrier juif (juin-juillet) ;
3. ער האָט ; 4. געהאַט דעם געבוירנטאָג ; 5. ROYFE guérisseur ;
6. פֿאַרצִיען די ברעמען froncer les sourcils ; 7. enlever, ici : amputer ; 8. membres du corps (sing. דאָס גליד) לויט דער יִדישער טראַדיציע האָט דער קערפּער 248 גלידער ;
9. diminuer, réduire ; 10. איידער avant que, ici : plutôt que ; 11. attrister

# מרים אולינאָווער (1888? - 1944)

מרים אולינאָווער איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש און, אַ חוץ אַ קורצן איבערזײַן[1] אין די קינדער-יאָרן בײַ דעם זיידן אינעם שטעטל קזשעפּיץ, האָט זי דאָס גאַנצע לעבן געוווינט אין דער דאָזיקער גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט. אין אירע לידער אָבער באַזינגט זי דאָס לעבן און די אַטמאָספֿער פֿון אַ קליין יִדיש שטעטל, געזען מיט די אויגן פֿון אַ מיידל און פֿון אַ יונגער פֿרוי. די לידער זענען געשריבן אויף אַ פֿאָלקסטימלעכן אופֿן, מיט פּשטות[2] און מיט חן[3]. זי האָט אַרויסגעגעבן בלויז איין בוך - „דער באָבעס אוצר“, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין 1922 און וואָס דער באַרימטער שרײַבער און ליטעראַטור-קריטיקער דוד פֿרישמאַן האָט צו אים געשריבן אַן ענטוזיאַסטישע הקדמה[4]. אַ חוץ אָט דעם בוך האָט זי געגרייט אַ פּאָר ציקלען לידער - ווי „שבת“, „חומש-לידער“, „דאָס ליד פֿון אלף-בית“ און „די לידער פֿון כעלעם“, וואָס עטלעכע פֿון זיי זענען געווען געדרוקט אין דער פּרעסע פֿון דעם פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן (ווי די צײַטונג „הײַנט“, די ליטעראַרישע זשורנאַלן „רינגען“, געזאַנגען“, „דער אויפֿגאַנג“ א״אַ)

בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה איז אולינאָווער געווען אין לאָדזשער געטאָ, ווו ס׳האָט זיך אַרום איר פֿאַרזאַמלט אַ שרײַבערקרײַז. צו דעם קרײַז האָבן געהערט עטלעכע יִדיש-שרײַבער וואָס זענען געבליבן אין לאָדזש נאָך דעם אויסברוך פֿון דער קריג, צווישן אַנדערע י. שפּיגל, שׂ.ב. שאַיעוויטש, י. בריקס. אין אויגוסט 1944, בעת דער ליקווידאַציע פֿון לאָדזשער געטאָ, איז מרים אולינאָווער פֿאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ ווו זי איז אומגעקומען.

1. séjour ; 2. PASHTES simplicité ; 3. KHEYN charme ; 4. HAKDOME introduction

# בריוו אין רעדאַקציע

**אַ לייענערין האָט באַמערקט אַ גרײַז אין דעם לעצטן נומער און זי שרײַבט אונדז אַ שיינע דערקלערונג פֿון דער צערעמאָניע פֿון קידוש-לבֿנה[1].**

איך האָב געלייענט מיט גרויס אינטערעס דעם פֿאָריקן נומער פֿונעם ייִדישן טעם-טעם, גלײַך ווי די אַנדערע נומערן.
אָבער אין דעם נומער 6 האָט מיך שטאַרק דערשטוינט די אילוסטראַציע אויף דער ערשטער זײַט און דער עיקר דאָס אונטערקעפּל. איר האָט געשריבן אַז די פּאַרשוינען אויף דעם בילד זײַנען „ייִדישע אַסטראָלאָגן“. איך וואָלט געוועז אַ בעלן[2] צו וויסן פֿון וואַנען שטאַמט דאָס בילד.
אַז עמעצער, וואָס איז אַ ביסל באַהאַוונט[3] אין דער ייִדישער טראַדיציע קוקט אויף אַזאַ בילד, זעט ער גלײַך אַז אָט די ייִדן בענטשן די נײַע לבֿנה. דאָס הייסט, זיי פּראַוועןן[4] דאָס וואָס מען רופֿט אויף פּראָסט מאַמע-לשון קידוש-לבֿנה.
די אילוסטראַציע האָט זיך טאַקע גוט געפּאַסט פֿאַר ראש-השנה[5], וואָס פֿאַלט אויס, ווי באַוווּסט, ראש-חודש תּישרי[6].
אַזוי, לויט מײַן מיינונג, וואָלט איר געדאַרפֿט דערקלערן דעם ענין[7] פֿון קידוש-לבֿנה.
קידוש-לבֿנה איז אַ ברכה[8] וואָס ייִדן זאָגן בציבור[9] נאָך ראש-חודש. אָט די ברכה, וואָס מען זאָגט יעדן חודש ביז הײַנט צו טאָג ווערט פֿאַרגליכן צו אַ באַגעגעניש מיט גאָטס מאַיעסטעט. דערפֿאַר בענטשט מען עס אין דרויסן אונטערן פֿרײַען הימל, שטייענדיק ווי פֿאַר אַ גרויסן האַר און קוקנדיק אויף דער לבֿנה. די צערעמאָניע פֿון קידוש-לבֿנה דערמאָנט אויך די צײַטן פֿון די אנשי כּנסת הגדולה[10], פֿון סנהדרין[11], ווען מען פֿלעגט אין ארץ-ישׂראל מיט גרויסער פֿײַערלעכקייט פּראַוועןן דעם נײַעם חודש.
געוויינטלעך בענטשט מען קידוש-לבֿנה אין דער ערשטער וואָך פֿונעם חודש, גלײַך נאָך שבת. נאָר אין חודש אָבֿ[12] וואַרט מען ביז נאָך תּשעה-באָבֿ[13] און אין חודש תּישרי בענטשט מען ניט פֿאַר יום-כּיפּור[14], ווײַל דאָס זײַנען טעג פֿון גרויסן טרויער.
דורך קידוש-לבֿנה באַטאָנט מען צוויי אַספּעקטן פֿון גאָט, ווי דער באַשעפֿער פֿון דער וועלט און ווי דער שומר-ישׂראל[15]. מען לויבט וואָס די שטערן טוען די אַרבעט וואָס גאָט האָט זיי געגעבן צו טאָן און זײַנען עדות[16] פֿון דער שלמות[17] פֿון גאָטס באַשאַף.
דאָס איז בקיצור[18] די דערקלערונג פֿון קידוש-לבֿנה, וואָס ווערט, לויט מײַן מיינונג, פֿאָרגעשטעלט אויף דעם בילד.
נאָך עפּעס, עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל[19] אַז די מענטשן אויף דעם בילד זענען נישט קיין אַסטראָלאָגן, ווײַל אין פּרינציפּ איז די אַסטראָלאָגיע, סײַ אין דעם מאָדערנעם סײַ אין דעם בבֿלישן[20] זינען, שטרענג פֿאַרבאָטן בײַ ייִדן ווי געצנדינערײַ.
אַזוי אַרום[21], כּדי צו וויסן אויב מײַן מיינונג איז אַ ריכטיקע וואָלט איר געדאַרפֿט אויסזוכן פֿון וואַנען קומט דאָס בילד.
מיט פֿרײַנדשאַפֿט, אריאל ציון



1. KIDESh-LEVONE cérémonie de la sanctification de la lune ; 2. BALN *זײַן אַ בעלן צו + אינפֿיניטיוו* être intéressé par ; *ici* : j’aimerais bien savoir ; 3. versé, compétent ; 4. célébrer ; 5. ROSh HAShONE le nouvel an juif ; 6. ROSh KhOYDESh TIShRE la nouvelle lune du mois de Tishri ; 7. INYEN sujet ; 8. BROKhE bénédiction ; 9. BETSIBER collectivement ; 10. ANShE KNESES HAGDOLE les hommes de la Grande Assemblé ; 11. SANHEDRIN le Sanhedrin ; 12. OV le mois d’Av ; 13. TIShE BOV le 9 du mois d'Av, le jour du jeûne commemorant la destruction du Temple ; 14. YOM KIPER le Jour du Kippour ; 15. ShOYMER YISROEL le Gardien d’Israël ; 16. EYDES témoins ; 17. ShLEYMES la perfection ; 18. BEKITSER bref ; 19. SEYKhL לייגן זיך אויפֿן שׂכל venir naturellement à l’esprit ; 20. BAVLISh babilonien ; 21. ainsi

## איר ענטפֿער :

אַ שיינעם דאַנק אונדזער געטרײַער לייענערין פֿאַר איר פֿײַנער דערקלערונג. זי איז טאַקע גערעכט. דאָס בילד איז אַן אַלטער האָלצשניט פֿון אַ בוך געדרוקט אין אַמסטערדאַם אין יאָר 1707. מיר דרוקן אים נאָך אַ מאָל אָפּ מיט אַ פֿאַרבעסערט אונטערקעפּל.


ייִדן פּראַוועןן קידוש-לבֿנה

## וויץ

**פֿאַר אָנהייבער**

**לערער :** וואָס פֿאַר אַ דרײַ ווערטער באַנוצן די קינדער שטענדיק אין שול?
**תּלמיד :** איך ווייס נישט.
**לערער :** ריכטיק, האָסט געטראָפֿן !

**ווען דער מעדעם-ביבליאָטעק, געפֿיי״ל**
**און דעם טעם-טעם אויף אינטערנעט :**
**http://www.yiddishweb.com/tamtam.htm**




AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03

מעדעם-ביבליאָטעק
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger 75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr